

# ר׳ משה יעקב צעדערבוים ז״ל

גערער חסידים אין לאָדזש זענען ניט נאָר געווען צאָלרייך בכמות, נאָר אויך גרויס און חשוב אין איכות, אין קוואַליטעט. זיי האָבן צווישן זיך געהאַט אַ חוץ די גערער רבנים און מורי הוראה, אויך פיל לומדים מובהקים, שאַרפע דערהויבענע חסידים מיט טיפע חסידישע השגות, פּראָמינענטע אינדוסטריעלער און סוחרים, און גאָר וויכטיקע כלל־טוער מיט כבוד און אָנזעען אין אַלע קרייזן אין שטאָט און אפילו ביי די גויאישע שכנים און רעגירונגס־קרייזן.

צו ווערן אַ פירנדע פערזענליכקייט און רעפּרעזענטאַנט פון אַזאַ גרויסע און אָנגעזעענע עדה איז גאָרניט געווען אַזוי פשוט. מען האָט באַדאַרפט פאַרמאָגן אָן אַ שיעור פון פערזענליכע קוואַליטעטן זיך אַרויסצוהויבן צווישן אַזאַ מחנה דערהויבענע לומדים און חסידים.

אין דער ערשטער ריי האָט מען זיך צו חשיבות צווישן דער לאָדזשער עדה געמוזט אויסצייכענען מיט לומדות און דערצו אויך מיט אַ סך יראת שמים, זהירות און זריזות אין מצוות און מעשים טובים. אָבער נאָכדעם ווי אַזעלכע זענען געווען גאָר אַ סך, האָט מען באַדאַרפט אויך פיל אַנדערע מעלות און כשרונות בכדי געשטעלט צו ווערן בראש פון דער מחנה.

אַזאַ איינער איז געווען **ר׳ משה צעדערבוים,** לאַנגיאָריקער פרנס און פירשפּרעכער אין דער לאָדזשער קהלה מצד די גערער חסידים און פערזענליכער מקורב פון גערער רבי׳ן, דער ״אמרי אמת״.

ר׳ משה צעדערבוים איז קודם כל געווען אַ למדן, וואָס הגם לויט׳ן שטייגער פון חסידים האָט ער עס ניט אַרויסגעוויזן, איז ער אין יעדער פרייער מינוט געווען ביי זיין גמרא און זיך געקענט פאַרמעסטן מיט לומדים מובהקים. ער איז געווען אַ פייערדיקער חסיד און אַלס יונגערמאַן נאָך געפאָרן צום ״שפת אמת״. דערפאַר האָבן צו אים אַרויפגעקוקט אַלע גערער יונגעלייט וועלכע האָבן ביי אים תמיד געזוכט צו ״נאַשן״ חסידות. וויסענדיק וועגן דעם חשוב׳ן אָרט וואָס ער פאַרנעמט ביים גערער רבי׳ן, האָבן זיי אויך מיט התפעלות אָבסערווירט זיין חסידישע התנהגות בכדי פון אים צו לערנען.

אָבער ר׳ משה צעדערבוים האָט באַוויזן זיך צו דערווערבן גרויס אָנזעען און יראת הכבוד ניט בלויז צווישן חסידים. די פּאָפּולאַריטעט זיינע איז ווייט אַריבער די גרעניצן פון דעם קרייז פון חסידים.

* * *

ר׳ משה צעדערבוים איז געווען דער זון פון איינעם פון די ערשטע באַקאַנטע גערער חסידים אין לאָדזש ר׳ שמואל בצלאל צעדערבוים, וועמענס יחוס־בריוו האָט זיך געצויגן צו רש״י. ער איז געווען אַ פאַרמעגליכער גאַרן סוחר. אָבער זיין עיקר אָנזעען איז געווען דאָס וואָס ער איז נאָך געפאָרן צום קאָצקער רבי׳ן, שפּעטער צום ״חידושי־הרי״ם״ און דאַן צום רבי׳ן ר׳ הענעך פון אַלעקסאַנדער. ביים ״שפת אמת״ איז ער צוליב דעם געווען אַ ״טיש־זיצער״, אַ פּריווילעגיע און כבוד צו וועלכע עס האָבן זוכה געווען נאָר יחידים מיט באַזונדערע סגולות.

ווי שוין געזאָגט, האָט זיך ר׳ משה צעדערבוים זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך מעלות און מידות, אָבער גאָר באַזונדערס מיט זיין צדקה וחסד, וואָס איז געווען אָן אַ גרעניץ, און דאָס איז געווען אַ שם דבר אין לאָדזש.

פון יונגווייז אָן איז ר׳ משה צעדערבוים׳ס הויז, אַ הויז פון ״תורה וגדולה במקום אחד״, געווען אַ ״בית ועד לחכמים״ און גרויסע אידן, גאונים און צדיקים זענען אייגנעשטאַנען אין זיין הויז. צווישן די אורחים אין זיין הויז זענען געווען דער גערער רבי בעל ״אמרי אמת״, דער ״חפץ־חיים״ (וועלכער איז אייניקע מאָל געווען אין לאָדזש), דער לובלינער רב רבי מאיר שפירא א.א. באַזונדערס איז זיין הויז געווען דאָס שטענדיקע הכנסת־אורחים פון זקני חסידים פון גער, ווי למשל ר׳ חיים לעווערטאָווער וועלכע זענען נאָך געפאָרן צום שרף פון קאָצק. אַזוי איז עס אויך געווען ביי זיינע קינדער. אַזוי, למשל, איז איינער פון די וויכטיקע געסט אין ר׳ שלמה צעדערבוים׳ס הויז געווען דער באַרימטער פּאַביאַניץ־קאַלישער רב ר׳ מענדעלע אַלטער, דער יונגסטער זון פון ״שפת־אמת״ און ברודער פון גערער רבי׳ן. הרב ר׳ מענדעל אַלטער, דער יושב־ראש פון אגודת הרבנים אין פוילן. ר׳ מענדעלע, מיט זיין זון הרב ר׳ אברהם, זיין ממלא מקום אין פּאַביאַניץ, פלעגן פאַר יאָרן יעדן דאָנערשטאָג אָוונט זיין די אורחים פון ר׳ משה׳ס זון, ר׳ שלמה. מיט ר׳ מענדעלע איז ר׳ משה צעדערבוים געווען פאַרבונדן מיט גרויס ידידות פאַר לאַנגע יאָרן.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
לודז׳ - פנקס לאדזש ספר קהילה עמוד מס: 167 הודפס ע״י אוצר החכמה

אָבער ניט נאָר איז ר׳ משה צעדערבוים׳ס הויז געווען אַן הכנסת־אורחים פאַר גדולים וחשובים. מיט גרויס זהירות האָט ר׳ משה צעדערבוים מכניס אורח געווען אויך פּשוטע אידן, און אַפילו "ארחי פרחי". אין גערער שטיבל וואו ר׳ משה האָט געדאַוונט אויף קאַמיענגא גאַס נומער 6, פלעגן די דאָרטיקע מתפללים מיטנעמען פרעמדע אידן צו זיך אַלס אורחים אויף שבת. געווען אָבער צייטן וואָס ניט פאַר אַלע אורחים האָט מען געקענט געפונען אַ פּלאַץ. ר׳ משה צעדערבוים פלעגט תמיד זיין דער לעצטער אין חסידים־שטיבעל צו זעען אויב אַלע פרעמדע זענען פאַרזאָרגט געוואָרן מיט אַ שבת סעודה, און אויב ניט, פלעגט ער אַלע מיט זיך נעמען אַלס זיינע אורחים.

גאָר אַ סך פלעגט ר׳ משה צעדערבוים טאָן פאַר הכנסת כלה. אין זיין הויז איז אין אַ ספּעציעל צימער געזעסן אַ שניידערן און איר עיקר אַרבעט איז באַשטאַנען אין נייען אויסשטייערס פאַר אָרימע כלות. פון זיין הויז איז אויך אַרויס פיל צדקה פאַר נצרכים. יעדער וואָך פלעגן זיינע אייניקלעך צעטראָגן 15 ביז 20 פאַרמאַכטע קאָנווערטן צו אָרימע לייט, וועמען ר׳ משה פלעגט שטיצן. ווי ווייט די צדקה זיינע איז דערגאַנגען, באַווייזט דער דאָזיקער עפּיזאָד דערציילט פון איינעם פון זיינע אייניקלעך:

איינמאָל ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער קהלה, האָט אים זיין פרוי, אַליין אויף איר שטייגער אויך אַ בעלת צדקה וחסד, דערקלערט, אַז זי רופט אים צו "דין־תורה". דער פאַרוואַלטער פון ר׳ משה צעדערבוים׳ס הייזער מיטן נאָמען גאָלדבערג האָט גערופן ר׳ משה׳ס פרוי און איר מוסר־סוד געווען, אַז איר מאַן ר׳ משה האָט גענומען פיל היפּאָטעקן אויף די הייזער אויף צדקה־צוועקן. דער מאַן אירער — האָט ער געוואָרנט — נעמט אַרויס געלט פון דער קאַסע "אָן אַ חשבון"... פּשוט ער פאַרטיילט עס... — ר׳ משה צעדערבוים האָט געהאַט 10 קינדער — און פאַראַן די סכנה, אַז דאָס גאַנצע פאַרמעגן זאָל צעטרענצלט ווערן... ר׳ משה׳ס פרוי האָט פאַרלאַנגט, אַז די קינדער זאָלן פּסק׳ענען ווי דאָס זאָל ווייטער גיין.

ר׳ משה האָט זיך לכתחילה געווערט און ערשט נאָך לאַנגע דינגענישן מסכים געווען, אַז מען זאָל אים מאָנאַטליך צוטיילן אַ גרעסערן סכום פאַר זיינע צדקות. בכדי זיכער צו מאַכן, אַז דאָס פאַרמעגן זאָל פון ר׳ משה׳ס גוטהאַרציקייט "געשיצט" ווערן להבא פאַר דער גרויסער משפּחה, האָט ר׳ משה צעדערבוים איינגעשטימט איבערצושרייבן זיינע הייזער אויפ׳ן נאָמען פון זיין פרוי...

אָבער מיט ר׳ משה׳ס נדיבות איז זיך נאָך אַלץ ניט געווען קיין עצה צו געבן. די פרוי, למשל, פלעגט קויפן גוטע שטאָפן פאַר זיין הלבשה. אָבער ווען דער שניידער פלעגט קומען אין הויז, זענען די שטאָפן געווען פאַרשוואונדן. ר׳ משה האָט זיי געהאַט אַוועקגעשענקט פאַר נצרכים. אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד דערציילט ר׳ משה צעדערבוים׳ס אייניקל ר׳ ישראל צעדערבוים פון מינכן:

"אונזער משפּחה איז אין אַ געוויסן זומער געווען אין דעם קור־אָרט קרעניץ. מיין ברודער שמואל האָט גענעכטיקט ביים זיידן. אינמיטן דער נאַכט איז געקומען אַ טעלעפאָן וואָס מיין ברודער שמואל, וועלכער איז געשלאָפן ביים זיידן, האָט אָפּגענומען. מען האָט גערופן דעם זיידן, אין אַ דרינגענדן ענין. דער זיידע האָט גערעדט מיט דעם רופער אַ פּאָר מינוט, און באַלד דערויף גענומען אַ דראָשקע און צוגעפאָרן צום שפּיטאָל מיטנעמענדיק מיין ברודער. אַ איד איז דאָרט געלעגן און זיך גענויטיקט אין אַן אָפּעראַציע. אָבער דער קראַנקער האָט ניט געהאַט ווער ס׳זאָל פאַר אים צאָלן. דער זיידע האָט ניט געקלערט קיין רגע. אויפ׳ן אָרט האָט ער גאַראַנטירט אַלע קאָסטן און באַוואויגן די פאַרוואַלטונג פון שפּיטאָל אַלעס צו טאָן פאַרן קראַנקן".

* * *

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה ווען ס׳איז אין לאָדזש אויסגעקליבן געוואָרן די ערשטע דעמאָקראַטישע אידישע קהלה, איז ר׳ משה צעדערבוים דערוויילט געוואָרן אַלס איינער פון די ערשטע אָרטאָדאָקסישע קהלה־פּרנסים און דאָס איז ער פאַרבליבן ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה. אין דער קהלה האָט ער זיך בעיקר פאַרנומען מיט רדיפת צדקה וחסד. ער איז דאָרט געווען פירשפּרעכער פון די אָרימע אידן אין לאָדזש וועלכע האָבן ניט געטיילט די פּראָספּעריטי פון דער גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט. ער האָט ניט געוואָלט הערן פון בודזשעטן און דעפיציטן, נאָר כסדר געפאָדערט גרעסערע אַסיגנאַציעס פאַר סאָציאַלע הילף; קוילן־צוטיילונגען אין ווינטער, מעות־חטים פאַר פּסח, פרישע־לופט וואַקאַציעס פאַר שווינדזיכטיקע קינדער אין זומער וכדומה.

ווי אַ חסיד פון אַלטמאָדישן שניט האָט זיך פּאַקטיש ר׳ משה צעדערבוים ניט צו גוט אַריינגעפּאַסט אין אַ קהלה מיט מאָדערנע פּאַרלאַמענטאַרישע רעגולאַמינען. דאָך איז ער ביי אַלע קהלה־וואַלן אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון דער אגודת ישראל (וואו די גערער חסידים האָבן געהאַט אַ גרויסע דעה) אַלס איינער פון די ערשטע קאַנדידאַטן. די סיבה: דער נאָמען ר׳ משה צעדערבוים האָט געצויגן שטימען, ער איז געווען אַ קאַנדידאַט צו וועמען אַלע לאָדזשער אידן אפילו מאָדערנערע אידן האָבן אַרויפגעקוקט מיט ליבשאַפט און יראת הכבוד.

ר׳ משה צעדערבוים׳ס חסד איז ניט נאָר געווען מיט זיין געלט און זיין עסקנות, נאָר אויך בגופו. אַ לאָדזשער איד ר׳ יוסף מאיר זיידל, וועלכער וואוינט אין בני־ברק, האָט אין יאָר תשמ״ז געטראָפן ר׳ משה צעדערבוים׳ס אייניקל ר׳ ישראל צעדערבוים און אים געזאָגט: ווילסט וויסן ווער

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
לודזי - פנקס לאדזש ספר קהילה עמוד מס: 168 הודפס ע"י אוצר החכמה

דיין זיידע איז געווען? טאַ לאָמיר דיר דערציילן איין פאַקט:

„איך בין אַמאָל מיט אים געווען אַ סוכות אין גער. מיר זענען געזעסן אין סוכה ביינאַכט און געלערנט. ס׳איז געווען אַ קילע נאַכט, איך בין געווען אַן אויסגעדאַרט בחור׳ל און אָנגעהויבן פרירן. מיטאַמאָל קומט צו מיר צו דיין זיידע. ער האָט עס עפּעס פונדערווייטנס באַמערקט ווי איך זיץ אַ ציטערדיקער, און אויף מיר אַרויפגעלייגט זיין מאַנטל. „איך זע ווי דיר איז קאַלט", — האָט ער געזאָגט — „טו אָן דעם מאַנטל. פאַר מיר זאָרג ניט. איך וועל זיך אָנוואַרעמען מיט דער גמרא"... און אַזוי איז ער געזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביזן פרימאָרגן אין אַ לייכטער קאַפּאָטע און געלערנט...

די מצווה פון הכנסת-אורחים פלעגט ער טאַקע מערסטנס מקיים זיין בגופו. אַזוי, למשל, פלעגט ער אין די פרימאָרגן שעה׳ן, ווען ער האָט געהאַט אַ שיעור אין זיין הויז, אַליין סערווירן פאַר זיינע מיטלערנער די טיי, ניט וועלנדיק אויפוועקן אפילו דאָס גויאישע משרת. די גרויסע געסט זיינע, רבנים און תלמידי חכמים, האָט ער מיט ליבשאַפט פערזענליך משמש געווען.

* * *

ר׳ משה צעדערבוים׳ס לומדות איז ניט געקומען פון זיך אַליין. אין זיין חסידישער יוגנט און אַלס קעסט יונגערמאַן, איז ער געווען אַ מתמיד. אָבער דאָס לערנען האָט ער אָנגעהאַלטן אויך נאָכדעם ווי ער האָט גע׳ירש׳נט אַ טייל פון זיין פאָטערס געשעפט און הייזער. בכדי צו לערנען פלעגט ער אויפשטיין 5 פאַרטאָגס צו אַ שיעור מיט עלטערע און יונגערע לומדים. צווישן די מיט וועמען ער האָט געהאַט זיינע פאַרטאָגס-שיעורים אין זיין הויז זענען געווען אַזעלכע אויסגערופענע זקני לומדים און חסידים ווי ר׳ משה גינזבערג און ר׳ מאיר יאַסקאָוויץ און אַזעלכע יונגע בני עלי׳ ווי הרב דוד צבי זילבערשטיין, וועלכער איז שפּעטער מיט אים געווען אין דער לאָדזשער קהלה און לבסוף ימיו אַ מיטגליד פון תל-אביב׳ער ראַבינאַט.

נאָכ׳ן לערנען אַ פּאָר שעה, דאַווענען און פרישטיג פלעגט ר׳ משה גיין אין זיין גאָרן געשעפט. אָבער די ביזנעס איז ביי אים ניט געווען דער עיקר. ווייל נאָך אַ קורצע ווייל אין געשעפט (וואו עס זענען תמיד געווען ספרים אויפ׳ן טיש) איז ער אַוועק אין דער קהלה און דער רוב טאָג איז געווען געווידמעט די צרכי הציבור, ביז אין די אָוונט שעה׳ן, ווען ער איז אַוועק אין שטיבל, דאָרט ווידער געלערנט אָדער פאַרבראַכט אין לומדישע אָדער חסידישע שמועסן מיט זיינע ידידים וואָס זענען באַשטאַנען פון אַזעלכע פּראָמינענטע חסידים ווי ר׳ בונם לעווין, ר׳ הענעך בערגער, ר׳ הענעך וואַידיסלאַווסקי, ר׳ אברהם טוקטינער, וואָס אַלע האָבן זיי פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין גער און צווישן די טויזנטער גערער חסידים פון לאָדזש.

10 קינדער האָט ר׳ משה געהאַט. אַלע זין זענען געווען חסידים און אַזוי אויך זיינע איידעמס. אַ שבת-טיש ביי ר׳ משה איז געווען אַ חסידישע מלכות. ער איז געווען אויסגעפּילט מיט דברי תורה וחסידות און קיינער האָט דאָרט ניט געוואַגט צו רעדן דברים בטלים. זיכער האָט מען דאָרט ניט געוואַגט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט פון לשון-הרע אויף אַנדערע, ווייל דערויף האָט ר׳ משה גאָר שטאַרק



ר׳ משה צעדערבוים ווערט דאַ אויפן בילד (רעכטס) געזען ווי ער באַגלייט דעם גערער רבי׳ן, דעם „אמרי אמת" אויף איינע פון רבינ׳ס רייזעס אין אויסלאַנד

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
לודז׳ - פנקס לאָדזש ספר קהילה עמוד מס: 169 הודפס ע״י אוצר החכמה

מקפיד געווען זייענדיק אַליין אַ חסיד, וועלכער האָט אָפּגעהיטן זיין מויל ווי זיינע אויגן.

* * *

מיט אַלע די סגולות מיט וועלכע ר׳ משה צעדערבוים האָט זיך אויסגעצייכנט, איז ניט קיין חידוש, אַז דער גערער רבי אַליין, דער בעל "אמרי אמת" זצ"ל האָט זיך מיט אים געשפּיגלט און אים צוגעצויגן צום ענגסטן קרייז פון זיינע מקורבים. אַזוי, למשל, געפינען מיר, אַז ווען דער גערער רבי האָט עפּעס געוואָלט דורכפירן אין לאָדזש ביי זיינע אייגענע חסידים, האָט ער דאָס אָנפאַרטרויט ר׳ משה צעדערבוים. אין תרע"ט, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער גערער רבי האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די אגודת ישראל אין פוילן, האָט ער זיך וועגן לאָדזש געוואָנדן צו זיינע צוויי נאָענסטע און חשוב'סטע חסידים: דער ברודער פון גערער רבינ'ס שוואָגער דער בענדינער רב ר׳ בונים לעווין און ר׳ משה צעדערבוים. אין דעם בריוו באַטיטלט דער גערער רבי זיי ביידע: "אהוביי ידידיי היקרים הנגידים החסידים" און שרייבט זיך אונטער: "ידידכם לנצח".

נאָכמער: נאָר ווייניק האָבן זוכה געווען צו קריגן רשות פון גערער רבי'ן אים צו באַגלייטן אויף זיינע וואַקאַציע-נסיעות קיין מאַריענבאַד, קרעניץ וכדומה. צווישן די יחידים איז תמיד געווען ר׳ משה צעדערבוים. און אַזוי געפינען מיר טאַקע אין איינעם פון די בילדער פון גערער רבי'ן אין מאַריענבאַד, ווי ר׳ משה צעדערבוים שפּאַצירט נעבן דעם גערער רבי'ן צוזאַמען מיטן רבינ'ס קינדער, ווי איינער פון זיינע בני משפחה.

ר׳ משה צעדערבוים און זיין פרוי האָבן געהאַט 10 קינדער 6 זין און 4 טעכטער און אייניקע פון זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן נאָמען אין דער חסידישער וועלט. אָבער פון אַלע קינדער זענען נאָך דער מלחמה געבליבן בלויז איין זון און איין טאָכטער. זיין זון ר׳ חיים שלמה איז נאָכן מיטמאַכן די ליידן אין געטאָ און אין לאַגערן געראַטעוועט געוואָרן דורך די אַליאירטע אַרמייען, ווען דייטשלאַנד איז באַזיגט און באַזעצט געוואָרן דורך די אַליאירטע אַרמייען. (די טאָכטער האָט אויסגעמיטן די קאַטאַסטראָפע נאָכדעם ווי זי האָט קורץ פאַר דער מלחמה אויסגעוואַנדערט קיין אויסטראַליע).

צוזאַמען מיט זיין חשוב'ן זון ר׳ חיים שלמה (דער איידעם פון באַקאַנטן חסיד ר׳ ארי׳ ליבוש גראַסקאָפּף) האָבן אויך איבערלעבט דאָס געטאָ און די לאַגערן ר׳ חיים שלמה'ס דריי זין: ר׳ שמואל בצלאל, ר׳ ישראל און ר׳ יצחק יוסף. [געראַטעוועט האָבן זיך אויך אַ צאָל אייניקלעך: 4 קינדער פון זיין זון ר׳ יצחק מרדכי צעדערבוים הי"ד (דערונטער צוויי טעכטער מלכה מיטלמאַן און ליפשע אָרינגער וועלכע לעבן אין ירושלים), ווי אויך אַ זון און אַ טאָכטער פון זיין טאָכטער רבקה און אַ טאָכטער פון זיין טאָכטער צירל].

ר׳ משה צעדערבוים'ס געראַטעוועטער זון ר׳ חיים שלמה האָט נאָך זיין באַפרייאונג אויף אַ שיינעם אופן ממשיך געווען די טראַדיציע פון ר׳ משה צעדערבוים'ס באַרימטן הויז, באַנייענדיק זיין נאָענטשאַפט צום גערער הויף, אויסצייכענענדיק זיך מיט מעשי־חסד און מיט איינפלאַנצן דאָס זעלבע אין זיינע קינדער וואָס האָבן זיך נעבן אים געראַטעוועט. ער אַליין איז נפטר געוואָרן אין יאָר תש"כ און געקומען צו קבורה אויפן הר־המנוחות אין ירושלים.

די גלאָררייכע טריישאַפט צום גערער הויף אונטער די רביים דער "בית ישראל", דער "לב שמחה" זכרונם לברכה און יבלח"ט דעם היינטיקן גערער רבי שליט"א זענען טאַקע אויף פאַר ר׳ חיים שלמה'ס זין: ר׳ שמואל בצלאל, ר׳ ישראל און ר׳ יצחק יוסף צעדערבוים. זייער איבערגעבנקייט און פאַרהערונג, ווי אויך זייער ברייטהאַרציקע שטיצע צו גער איז אַ שם דבר. זיי זענען באַקאַנט צווישן די ראשונים און די עמודים פון די פילע מוסדות און פּראָיעקטן פון גערער חסידות אין הייליקן לאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
לודז׳ - פנקס לאדזש ספר קהילה עמוד מס: 170 הודפס ע"י אוצר החכמה